# DI NEKHT FUN AMOL- די נעכט פֿון אַמאָל

Di zun fargeyt  in tife velder.
Der ovnt shpant, oyf barg un tol.
Un hilt in shvarts ayn, di grine felder.
Mir zenen shtilerheyt ahin gegangen
Gedenkstu  liube mayn,  di nekht fun amol ?

די זון פֿאַרגייט אין טיפֿע וועלדער.
דער אָוונט שפּאַנט אויף באַרג און טאָל ,
און הילט אין שוואַרץ איַין , די גרינע פֿעלדער
מיר זענען שטילערהייט אַהין געגאַנגען
געדענקסטו ליובע מיַין די נעכט פֿון אַמאָל?

Fun gortn flist, a kval mit klangen.
Es tsit ahin a tsoyber- kol
Mir zenen shtilerheyt ahin gegangen
Gedenkstu  liube mayn di nekht fun
amol ? (bis)

פֿון גאָרטן פֿליסט אַ קוואַל מיט קלאַנגען.
עס ציט אַהין אַ צויבער קול
מיר זענען שטילערהייט אַהין געגאַנגען
געדענקסטו ליובע מיַין די נעכט פֿון אַמאָל?

Dort blien oyf  , di zelbe tsvaygn
Mit bleter grine, on a tsol.
Ikh hob azoy gevolt zikh ibertsaygn ,
Tsi du gedenkst nokh haynt di nekht fun
amol. (bis)

דאָרט בליִען אויף  , די זעלבע צוויַיגן.
מיט בלעטער גרינע אָן אַ צאָל.
איך האָב אַזוי געוואָלט זיך איבערציַיגן
צי דו געדענקסט נאָך היַינט די נעכט פֿון
אַמאָל ?

Dos gantse dorf iz ayngeshlofn.
Fun groysn tog, fun groysn oyl.
Gedenkstu vi azoy, mir flegn hofn
Gedenkstu liube mayn, di nekht fun amol?
(bis)

דאָס גאַנצע דאָרף איז איינגעשלאָפֿן
פֿון גרויסן טאָג , פֿון גרויסן עול
געדענקסטו ווי אַזוי מיר פֿלעגן האָפֿן
געדענקסטו ליובע מיַין , די נעכט פֿון אַמאָל?